Ute Luise Simeon, MA

**.דער נײַער ייִדישער טעאַטער פֿון ריגע * Der nayer yidisher teater in Rige.**

Vortrag gehalten: XXI. Symposium für Jiddische Studien in Deutschland
Lehrstuhl für Jiddistik/Universität Trier und dem Lehrstuhl für Jiddische Kultur, Sprache und Literatur/Heinrich-Heine-Universität Düsseldorf
3. bis 5. September 2018




Figure 1. Theatre Program, (Detail).

אין דעם דאָזיקן רעפֿעראַט וועגן דעם "נײַעם ייִדישן טעאַטער" אין ריגע, סקאָלאַס יעלאַ 6, וועל איך אײַך פֿאַרבעטן אין טעאַטער אַרײַן, אַזוי ווי מיר וואָלטן צוזאַמען בײַגעווען אויף אַ פֿאָרשטעלונג אין די 1920ער יאָרן. אָבער צו ערשט, אַ קורצן אַרײַנפֿיר.

אַן ערך 50,000 ייִדן האָבן געוווינט אין ריגע פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה. אַ טייל פֿון זיי האָבן גערעדט דײַטש ווי אַ מוטערשפּראַך, אַ טייל רוסיש, דער טייל אין די מזרחדיקע קאַנטן פֿון לאַנד האָבן גערעדט ייִדיש, און אין די קליינע דערפֿער האָבן זיי גערעדט בלויז לעטיש.

זענען געווען אין ריגע ייִדישע שולן אין וועלכע מע האָט געלערנט אויף דײַטש, רוסיש, ייִדיש, און העברעיִש.

די פֿילשפּראַכיקייט האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין דער ייִדישער פּרעסע: צווישן 1918 און 1934, זענען אַרויסגעגאַנגען אַן ערך 30 ייִדישע צײַטונגען - דאָס רבֿ אויף ייִדיש, נאָר אויך אויף העברעיִש, לעטיש, רוסיש, און דײַטש.

דער יִדישער טעאַטער אין ריגע פֿאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה איז געווען רײַך, פֿילזײַטיק, און טיף פֿאַרבונדן מיט ברייטערע קינסטלערישע סבֿיבֿות, דער מזרח-אייראָפּעִישער יידישער קונסט-סבֿיבֿה אַרײַנגערעכנט.  יִדן האָבן אויך אָנטייל גענומען אינעם לעטישן, דײַטשן, און רוסישן טעאַטער.



Figure 2. Emblem of the „Nayer idisher Teater“- Troupe, 1926/27.

איצט פֿאַרבעט איך אײַך אַרײַן אינעם "נײַעם יִדישן טעאַטער."  טראָט בײַ טראָט, אין פֿיר פֿאַרשיידענע סצענעס, וועלן מיר שפּאַצירן איבערן אָרט: מיר וועלן זען דעם בנין און אַרומרעדן זײַן געשיכטע, מיר וועלן דורכבלעטערן דעם רעפּערטואַר פֿונעם טעאַטער, מיר וועלן זיך באַקענען מיט די אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן, און מיר וועלן אײַנזאַפּן אין זיך די אייגנאַרטיקע אַטמאָספֿערע. איז זיצט זשע געמיטלעך, און הײַדאַ!




Figure 3. Theatre Building, Riga, Skolas iela 6.

**די ערשטע סצענע:**

שטעלט אײַך פֿאָר אַז מיר קומען ערשט אָן אינעם טעאַטער, וואָס געפֿינט זיך אינעם "אַרט נוּװאָ"-קוואַרטאַל פֿון ריגע. איצט וועל איך באַשרײַבן דאָס אָרט און דערציילן אַ קורצע געשיכטע וועגן דעם אויפֿקום פֿונעם טעאַטער און וועגן זײַנע גרינדערס.



Figure 4. Construction Plans.

**דער בנין**

דעם 11טן נאָוועמבער, 1913, האָבן פֿיר ייִדישע בירגער געבעטן בײַ די בוי-אויטאָריטעטן אין ריגע, רשות אויפֿצובויען סקאָלאַס יעלאַ 6, אַ פֿיר-שטאָקיקן עפֿנטלעכן בנין פֿאַר קולטורעלע און ספּאָרט-אַקטיוויטעטן.

מיט אַכט יאָר שפּעטער,אין דעצעמבער 1925, האָט מען געבעטן רשות צוצוגעבן  נייטיקע מעכאַנישע מכשירים צום טעאַטער-זאַל.

דעם טעאַטער-בנין האָבן אויסגעפּלאַנעוועט די באַרימטע אַרכיטעקטן פּאָל מאַנדלשטאַם און עדמונד פֿאָן טראָמפּאָווסקי.



פלאַן פֿון פֿאַרקויפֿטע ערטער אויף "דער גאָט פֿון ליבע" דעם 9טן אָקטאָבער, 1927

פלאַן פֿון טעאַטער-זאַל, אַרײַנגערעכנט די זיצערטער אויף דער גאַליאָרקע

Figure 5. Construction Plans; Sold Ticket Plan.

אין טעאַטער-זאַל זענען געווען 473 זיצערטער אונטן און 160 זיצערטער אויף דער גאַליאָרקע -- סך-הכּל 633 זיצערטער. די דערפֿענונג פֿונעם טעאַטער איז פֿאָרגעקומען דעם 6טן דעצעמבער 1925.




Figure 6. Theatre Founders; Membership Cards of the Theatre Society.

**די גרינדערס**

יעקבֿ לאַנדוי, פּאָל מינץ, און לעוו גינזבורג האָבן געגרינדעט דעם טעאַטער. צוויי פֿון זיי זענען געווען אַדוואָקאַטן און מיטגלידער פֿונעם ראַט "טאַוטאַס פּאַדאָמע," דעם ריגע-שטאָטראַט, און דעם ייִדישן דערציִונג-אָפּטייל.

לאַנדוי איז געווען אַ לערער און דער ראָש פֿון דער ערשטער ייִדישער גימנאַזיע אין די באַלטישע לענדער, ווי אויך דער וויצע-פּרעזידענט פֿון דער "געזעלשאַפֿט פֿאַרן פֿאַרשפּרייטן די השׂכּלה," וואָס האָט אויך געהייסן "די געזעלשאַפֿט פֿאַרן פֿאַרשפּרייטן דערציִונג צווישן די ייִדן פֿון ריגע."

לאַנדוי איז אויך געווען פֿאָרשטייער פֿון דער געזעלשאַפֿט "פֿרײַנד פֿונעם ייִדישן טעאַטער" און דער שפּעטערדיקער "ייִדישער טעאַטער-געזעלשאַפֿט".

לאַנדוי איז אויך געווען צווישן די גרינדערס פֿונעם "ייִדישן קלוב" און דער געזעלשאַפֿט "וויעניבאַ" -ביידע האָבן אונטערגעשטיצט דעם ייִדישן טעאַטער אין סקאָלאַס יעלאַ 6.

פּאָל מינץ איז אויך געווען אַ מיטגליד פֿונעם פּאָפּולערן ראַט, דער דומע, אין 1918. ער איז שפּעטער געווען פּראָפֿעסאָר אינעם לעטישן אוניווערסיטעט. דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ מיטגליד פֿון דער "געזעלשאַפֿט פֿאַרן פֿאַרשפּרייטונג פֿון דערציִונג צווישן די ייִדן פֿון ריגע."




Figure 7. Interior Buildings Views; Program and Season Ticket.

**די צווייטע סצענע**

מיר גייען אַרײַן, צוזאַמען מיטן עולם, אין דער באַאײַנדרוקנדיקער פֿאָיע פֿונעם טעאַטער.  מיר קויפֿן זיך בילעטן, קריגן פּראָגראַם-צעטלעך, טוען אויס אונדזערע מאַנטלען אינעם גרויסן גאַרדעראָב, און קלעטערן אויף די ברייטע טרעפּ אַרויף צום ערשטן גאָרן, און אַרײַן דורך די אויפֿגעפּראַלטע טירן פֿון טעאַטער.



Figure 8. Theatre Hall, (Details).

מיר געפֿינען אונדזערע פּלעצער, מיר זעצן זיך אַוועק, און מיר באַוווּנדערן דעם פּרעכטיק-שיין-באַצירטן טעאַטער, די רויטע סאַמעטענע אויסגעבעטע שטולן, די גאָלדענע באַלקאָנען, די פֿאַרפּוצטע ענגלייַכטערס, דעם מגן-דוד וואָס הענגט איבער דער בינע.

בשעתן סעזאָן פֿון 1930-1931 האָט מען פֿאַרקויפֿט 70,000 בילעטן אויף אַן ערך 200 פֿאָרשטעלונגען. דורכשניטלעך הייסט דאָס אַרום 350 צוקוקער אויף יעדער פֿאָרשטעלונג. אָט זעט איר אַ פֿאַרגלייַך מיט דער סטאַטיסטיק פֿון אַנדערע טעאַטערס: אין 1929, למשל, זענען צוויי מאָל אַזוי פֿיל צוקוקער געגאַנגען אין רוסישן טעאַטער ווי אינעם ייִדישן טעאַטער, נאָר אַ סך ווייניקער זענען געגאַנגען אינעם דייַטשן טעאַטער ווי אינעם ייִדישן טעאַטער.




[47] Brief der „Garanten-Gesellschaft" des „Jüdischen Minoritäten Theaters" an die „Jüdische Bildungsabteilung" vom 09.11.1931:
"In dieser Saison 1930/31 hat unser Theater folgendes Programm in der Provinz durchgeführt:

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 1. | Krustpils-Jekabpils | 5 | Aufführungen | 1400 | Besucher |
| 2. | Kraslava | 2 | „ | 380 | „ |
| 3. | Karsava | 2 | „ | 620 | „ |
| 4. | Dagda | 2 | „ | 440 | „ |
| 5. | Varaklani | 1 | „ | 300 | „ |
| 6. | Aizpute | 2 | „ | 460 | „ |
| 7. | Saldus | 2 | „ | 540 | „ |
| 8. | Kuldiga | 2 | „ | 820 | „ |
| 9. | Ventspils | 3 | „ | 1830 | „ |
| 10. | Tukums | 3 | „ | 1045 | „ |
| 11. | Rezekne | 2 | „ | 1000 | „ |
| 12. | Liepaja | 3 | „ | 1521 | „ |
| 13. | Jelgava | 7 | „ | 2164 | „ |
| 14. | Daugavpils | 8 | „ | 7052 | „ |
| | | 44 | „ | 19772 | „ |

Figure 9. Map of Places of Guest Performances in Season 1931-1932; Statistic of Theatregoers and Number of Performances.

אַחוץ די געוויינטלעכע פֿאָרשטעלונגען האָט מען אָרגאַניזירט ספּעציעלע פֿאָרשטעלונגען פֿאַר געזעלשאַפֿטן, למשל  דער "קינדער-אינטערנאַט-קריפּע", אַ יתומים-הויז, דער געזעלשאַפֿט "פֿרייַנד דער קינדער", השומר הצעיר, מלביש-ערומים, און אַנדערע.
אַחוץ דעם האָט מען גאַסטראָלירט אין פּראָווינץ - אין ליעפּאַיע, רעזעקנע, יעלגאַווע, און דאַגאַווּפּילס. מע האָט פֿאַרקויפֿט מער ווי 10,000 בילעטן אויף די דאָזיקע פֿאָרשטעלונגען אין איין סעזאָן.




Figure 10. Repertoire: Announcements, Articles and Performance Photos.

**די דריטע סצענע**

איצט זיצן מיר אויף אונדזערע ערטער און מיר קוקן אַרויס אויפֿן מאָמענט ווען דער פֿאָרהאַנג וועט אויפֿגיין. וואָס ווייסט מען וועגן דעם רעפּערטואַר? דער רעפּערטואַר פֿונעם "נײַעם ייִדישן טעאַטער" איז געווען ענלעך צום ייִדישן טעאַטער-רעפּערטואַר אין אַנדערע ערטער אין אייראָפּע אין פּוילן, אין רוסלאַנד, אַפֿילו אין עסטרײַך. בלויז צוליב ענדערונגען אין די פּאָליטישע אומשטענדן האָט מען צו מאָל געביטן דעם רעפּערטואַר, למשל אויפֿגעפֿירט אַ גרעסערע צאָל לעטישע נאַציאָנאַלע פּיעסעס. אַ העלפֿט פֿון די אויפֿפֿירונגען זענען געווען דראַמאַטיש. מע האָט אויך געשפּילט מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, מעלאָדראַמעס, און רעוויוען, און אָרגאַניזירט ליטעראַרישע אָוונטן און קינדער-אויפֿפֿירונגען. מע האָט אויפֿגעפֿירט פּיעסעס פֿון אַרטור ווײַטער און ייִדישע קלאַסישע ווערק ווי למשל שלום אַשעס "קידוש-השם", "מאָטקע גנבֿ", און "פֿאַר אונדזער גלויבן", ווי אויך דעם "גולם" פֿון ה. לייוויק, און "בײַ נאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" פֿון י.ל. פּרץ. אין 1931 האָט מען געביטן דעם נאָמען פֿונעם טעאַטער, אויף דעם "ייִדישן מיעוטים-טעאַטער פֿון ריגע". דעמאָלט האָט מרדכי מאַזאָ געשפּילט מיט דער ווילנער טרופּע, מיכייל גאָר מיטן ייִדישן טעאַטער-סטודיאָ. ער איז געווען אַ תּלמיד פֿון וואַכטאַנגאָוו, אַ גרינדער פֿון הבימה, און דער דירעקטאָר פֿונעם ייִדישן קונסט-טעאַטער אין קאָוונע. די צוויי טעאַטערס האָבן צוזאַמענגעאַרבעט צום טייל פֿון דער אָפּטייל פֿון דערציִונג האָט

אונטערגעשטיצט אַזאַ צוזאַמענאַרבעט. דער ייִדישער טעאַטער-סטודיאָ האָט אויפֿגעפֿירט ווערק פֿון קלאַסישע מחברים אַזוי ווי שילער, שייקספּיר, איבסען, שטרינדבערג, מאָליער, און אויך ייִדישע און לעטישע קלאַסישע ווערק.




Figure 11. Guest Performances: Announcements, Articles and Performance Photos.

דער ייִדישער אַרבעטער-טעאַטער פֿונעם בונד (דעם אַלגעמיינעם ייִדישן אַרבעטער-בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד) האָט אויך צוזאַמענגעאַרבעט מיטן ייִדישן מיעוטים-טעאַטער. דער אַרבעטער-טעאַטער האָט אויפֿגעפֿירט פּיעסעס פֿון ה. לייוויק, יאַניס רייניס און ר. בלוימאַן. צו מאָל האָבן קינדער געשפּילט ראָלעס אין די דאָזיקע פּיעסעס, און צו מאָל האָט מען אַפֿילו אַרויפֿגעפֿירט אַ גאַנצע מאַסע אויף דער בינע. אָסיפּ רוניטש און ראָסעל בערגער האָבן אויך גאַסטראָלירט אין פּיעסעס פֿון שלום-עליכם, ב. וואָלף, י.ד. בערקאָוויטש, און לעאָנאַרד פֿראַנק. דער אוקראַיִנישער אַקטיאָר מיכאַל מיכאַלעסקאָ איז אויך געקומען קיין ריגע פֿון קאָוונע. דער באַרימטער יאָנאַס טורקאָוו האָט אויפֿגעפֿירט "בלאָנדזשנדע שטערן" און "טבֿיה דער מילכיקער" פֿון שלום-עליכמען, "באָבע יאַכנע" פֿון אַ. גאָלדפֿאַדענען, און "דער האָרבאַטש פֿון נאָטר-דאַם" פֿון וויקטאָר הוגאָ. הבימה האָט גאַסטראָלירט מיט דעם "דיבוק", "אוריאל אַקאָסטאַ", און דוד פּינסקיס "אייביקן ייִד". בשעתן סעזאָן פֿון 1938-1939 האָבן אַמעריקאַנער אַקטיאָרן לוסי און מישאַ גערמאַנס גאַסטראָלירט אין

מוזיקאַלישע קאָמעדיעס, און געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. די קאַבאַרעט-טרופּע פֿון וואַרשע "די יִידישע באַנדע" האָט אויך גאַסטראָלירט אין 1938.




Figure 12. Yiddish Theatre of L.S.S.R./Latvian Socialist Soviet Republic.

**"יִידישער טעאַטער פֿונעם ל.ס.ס.ר"**

אין אויגוסט 1940 האָט פֿונעם טעאַטער געמאַכט אַן אַרבעטער-טעאַטער און אים אָנגערופֿן דעם "יִדישן טעאַטער פֿון ל.ס.ס.ר." די מיטגלידער פֿון דער נײַער טרופּע זענען געווען די אַקטיאָרן פֿונעם געוועזענעם "יִדישן אַרבעטער-טעאַטער", דעם "ציסער-סטודיאָ", און פֿונעם געוועזענעם יִדישן-מיעוטים-טעאַטער פֿון ריגע. די נײַע טרופּע האָט אויפֿגעפֿירט "הירש לעקערט", "שמאַטעס", "אַלץ באַנקראָט", און "שאָפּ", פֿון ה. לייוויק, "דער טויבער" פֿון דוד בערגעלסאָן, "מאָלצײַט" פֿון פּרץ מאַרקיש, און "דאָס געריכט גייט" פֿון יחזקאל דאָברושין.




Figure 13. Ensemble and Actor Portraits.

**די פֿערטע סצענע:**

מע לעשט אויס די ליכט, דער עולם שטילט זיך אײַן, און דער פֿאָרהאַנג גייט אויף פּאַמעלעך. די קאַפּעליע שפּילט די אוווערטור. די פֿאָרשטעלונג הייבט זיך אָן...

ווער זענען געווען די אַקטיאָרן, די טרופּעס, די אָנגעשטעלטע?

די אַקטיאָרן האָבן געשטאַמט פֿון לעטלאַנד, ליטע, פּוילן, רומעניע, רוסלאַנד, עסטרײַך, און די פֿאַראייניקטע שטאַטן. זייער סטאַטוס ווי אויסלענדער האָט געשאַפֿן שפּאַנונגען. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער צו קריגן אַ רשות צו וווינען און אַרבעטן אין ליטע.

בשעתן סעזאָן פֿון 1930-1931, למשל, האָט דער טעאַטער אָנגעשטעלט 70 מענטשן: 10 אַקטיאָרן און 11 אַקטריסעס, אַ דיריגענט, סצענאָגראַפֿן, אַ פֿריזירער, אַ ליכט-טעכניקער, אַ רעקוויזיטאָר, און פֿיר סצעניסטן. אינעם כאָר האָבן געזונגען 10 זינגערס, און אין דער קאַפּעליע געשפּילט 12 מוזיקאַנטן.

איך וויל דערמאָנען עטלעכע פֿון די בינע-קינסטלערס און טרופּעס פֿון ריגע.

דער פּוילישער אַקטיאָר מנחם רובין איז געווען דער אַרטיסטישער דירעקטאָר אין ריגע. פֿריִער, ווי אַ יונגער מאַן, האָט ער געשפּילט אינעם לאָדזשער צירק-טעאַטער, דער נחום-ליפּאָווסקי-טרופּע, דער

פֿישסאָן-טרופּע, און דעם "פֿאַקט" צוזאַמען מיט סיגמונד טורקאָוו, אַלעקס שטיין, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש און אַבֿרהם מאָרעווסקי, איבער פּוילן און רוסלאַנד און שפּעטער איבער דרום- און צפֿון-אַמעריקע. ער האָט געשפּילט אינעם נאָוואָשטשי-טעאַטער אין וואַרשע, געווען אַרטיסטישער דירעקטאָר אין ליעווער קונסטווינקל, אין 1930 געשפּילט אין שלום-עליכמס "צוויי הונדערט טויזנט" אין לעטישן שטאַט-טעאַטער אין ריגע.

דער רוסישער אַקטיאָר, רעזשיסאָר און פּראָדוצענט אָסיפּ רוניטש איז געווען איינע פֿון די גרעסטע סטאַרס פֿונעם רוסישן שטומען קינאָ. אין 1930 איז ער אַוועק פֿונעם קינאָ און זיך אָנגשלאָסן אין דער ייִדישער טעאַטער-טרופּע אין ריגע.

גאַסטראָלירונגען און טרופּעס:

אַ סך אַקטיאָרן האָבן גאַסטראָלירט אינעם נײַעם ייִדישן טעאַטער פֿון ריגע, למשל דער אויבן דערמאָנטע אַבֿרהם מאָרעווסקי פֿון ווילנע, מיכאל ווײַכערט פֿון וואַרשע, רודאָלף סאַסלאַווסקי און די רומענישע אַקטריס ראָסעל בערגער. ראָסעל בערגער, די אָנפֿירערין פֿונעם קאָוונער פֿאָלקסהויז-טעאַטער, איז באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿונעם פֿראַנצייזישן און ענגלישן טעאַטער.

אײַזיק סאַמבערג, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אינעם רוסישן טעאַטער, האָט געשפּילט אין ריגע איידער ער האָט געשפּילט אינעם וואַרשעווער צענטראַל-טעאַטער, דער ווילנער טרופּע, און דעם וואַרשעווער ייִדישן דראַמאַטישן טעאַטער. נאָך דעם ווי מאָריס שוואַרץ האָט געשפּילט אין דער לעטישער נאַציאָנאַלער אָפּערע, האָט ער גאַסטראָלירט אינעם נײַעם ייִדישן טעאַטער פֿון ריגע אין 1930. די בילעטן האָבן זיך אויספֿאַרקויפֿט.




Figure 14. Artistic Directors and Managers. Rehearsal Plan of August 31, 1927.

דער ייִדישער אָפּטייל פֿונעם דערציִונגס-מיניסטעריום האָט געמוזט באַשטעטיקן די אָנגעשטעלטע אין די אָנפֿירנדיקע שטעלעס פֿון מאָל צו מאָל.

די פֿילצאָליקע אַרטיסטישע דירעקטאָרן האָבן געהאַט אַ לאַנגע דערפֿאַרונגען אין דער וועלט פֿון טעאַטער און זענען געווען באַאײַנפֿלוסט פֿון דער אייראָפּעיִשער און דער יידישער ליטעראַטור.

איך וויל דערמאָנען שלמה קוטנער, אַלעקס שטיין, מנחם רובין, יוסף האַס, מרדכי מאַזאָ, מיכאל גאָר, באָריס טומאַרין, חיים ווײַסביין און אָסיפּ רוניטש, וואָס האָבן געשפּילט אין דער ווילנער טרופּע, דער הירשביין-טרופּע, דער פֿישסאָן-טרופּע, דער צווייִמאַן-טרופּע, דער לאָדזשער סקאַלאַ-אָפּערעטע, דעם ווילנער מיניאַטור-טעאַטער, דעם קאַמינסקי-טעאַטער אין וואַרשע, דער ראָטשטיין-טרופּע, דער קדיש-האַס-משפּחה, דער ווילנער ייִדישער אָפּערעטן-טרופּע, זשיטאָמירסקי, מישוראַט, שבתי, שאַראַוונער,ספּיוואַקאָווסקי-קרויסע, סעם-אַדלער, דעם וואַרשעווער מוראַנאָוו-טעאַטער, צענטראַל, סאַמבערגס גרויסעס-טעאַטער אין לאָדזש, אאַז"וו.




Figure 15. Stuff, Conductors, Choreographers, Designer, Technicians.

**דיריגענטן, סצענאָגראַפֿן**

די דיריגענטן אינעם טעאַטער זענען געווען דוד בייגלמאַן, נ. אַסטראָווסקי, מאַרק לאַוורי און אליהו פֿרײַמאַן. דוד בייגלמאַן, אַ באַרימטער פּוילישער פֿידלער, דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר, האָט אויך דיריגירט אין לאָדזשער אַררט-טעאַטער. ער האָט קאָמפּאָנירט מעלאָדיעס פֿאַרן "דיבוק" פֿון ש. אַנ-סקי פֿאַר דער ווילנער טרופּע, ווי אויך לידער וואָס זענען באַקאַנט נאָך ביז הײַנט, ווי למשל "קינדעריאָרן", "מאַך צו די אייגעלעך", און "נישט קיין ראָזשינקעס, נישט קיין מאַנדלען". מיכאל יאָ, אָדער יאָפֿע, האָט געאַרבעט אין טעאַטער ווי אַ סצענאָגראַף. ער איז געווען אַ באַרימטער מאָלער, און אויך אַ קונסט-קריטיקער פֿאַר דער צײַטשריפֿט "פֿרימאָרגן". וולאַסלאַוו ווײַנטרויב, לעאָ הערצמאַרק, און י. שערמאַן האָבן אויך געאַרבעט אינעם טעאַטער ווי סצענאָגראַפֿן.




Figure 16. Theatre Reviews.

**די פֿאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט.**

מיר גייען אַרויס פֿונעם טעאַטער. מאָרגן וועלן מיר לייענען די רעצענזיעס אין די ייִדישע צײַטונגען, ווי "דאָס פֿאָלק", "פֿרימאָרגן", "ריגער טאָג", און "נײַער פֿרײַטיק".

צום סוף, אַ פּאָר ווערטער וועגן דער קולטורעלער אַטמאָספֿערע פֿונעם טעאַטער און אינעווייניקסטע שפּאַנונגען.

ניט נאָר אַ מאַנגל אין געלט האָט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פֿונעם נײַעם ייִדישן טעאַטער, נאָר אויך שפּאַנונגען צווישן די אָנפֿירערס און דער טרופּע וואָס שייך דער פֿראַגע פֿון עפֿעקטיווקייט. די אָנפֿירערס האָבן אָפֿט געמוזט באָרגן געלט צוליב דעם וואָס די אויפֿהאַלטונג פֿונעם גרויסן בנין איז געווען גאַנץ טײַער. די מיטגלידער פֿון דער טרופּע האָבן געזוכט געלעגנהייטן אויף אַרטיסטישער אַנטוויקלונג, און געגרינדעט דעם פֿאַראיין פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע בינע-אַרבעטער פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין ריגע כּדי צו דריקן אויף די אָנפֿירער און פּרוּוון איבערנעמען די שליטה אויפֿן טעאַטער. דער לעצטער דאָקומענט וואָס איך האָב געפֿונען וועגן דעם פֿאַראיין און זייערע באַמיִונגען אין שײַכות מיט אַרטיסטישער אַנטוויקלונג און בעסערע אַרבעטס-באַדינגונגען איז פֿון 1936. עס איז אַ בריוו צום ייִדישן אָפּטייל פֿונעם דערציִונגס-מיניסטעריום, און דערין ווערט דערקלערט די טענות קעגן דער

אַדמיניסטראַציע פֿונעם טעאַטער, אַרייַנגערעכנט דאָס נידעריקע געהאַלט, ניט קיין געזונט-פֿאַרזיכערונג, און ניט קיין באַשיצונג אונטער די אַרבעטער-געזעצן.



Figure 17. Theatre Hall.

דער עולם אויפֿן נײַעם ייִדישן טעאַטער האָט ניט געוואָלט זען אייראָפּעיִשע קלאַסישע פּיעסעס. ער האָט זיך געוואָלט פֿאַרווײַלן מיט קאָמעדיעס, אָפּערעטעס, און קאַבאַרעטן אין אַ געמיטלעכער אַטמאָספֿערע. דער אַקטיאָר רייקין בן-אַרי פֿון הבימה האָט געדענקט דעם ריגע-עולם אין זײַנע זיכרונות. איך וועל פֿאַרענדיקן מײַן רעפֿעראַט מיט אַ ציטאַט פֿון בן-אַרי, וועגן זײַן ערשטער פֿאָרשטעלונג מיט הבימה אין ריגע אין 1926:

"עס איז אוממעגלעך צו פֿאַרגעסן דעם ערשטן אָוונט. מיר האָבן געשפּילט אינעם שענסטן טעאַטער אין ריגע. די בינע איז אַזוי גרויס אַז די גאַנצע מאָסקווע-הבימה וואָלט זיך געקענט אויסשפּרייטן איבער איר... דער באַלויכטענער טעאַטער-זאַל איז אַזוי פֿול מיט מענטשן אַז אַפֿילו די שטייערטער זענען אויך פֿול און עס זעט אויס ווי מענטשן וואָלטן געהאָנגען אין דער לופֿטן. אָט איז דער עולם פֿאַר וועמען דו האָסט זיך געראַנגלט, זיך געלערנט, געהונגערט - כּדי זיי צו ברענגען דײַן אַרטיסטישע וועלט, דײַן בשׂורה. די הצלחה בײַם סוף פֿון אַן אַקט איז אומבאַשרײַבלעך... הײַנט זענען דאָ

פֿאַרזאַמלט מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע אַרטיסטישע ריכטונגען, חבֿרים, אָנהענגער פֿון קונסט, חסידים פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, ציוניסטן, אַנטי-ציוניסטן, און אָנהענגער פֿונעם ראַטן-פֿאַרבאַנד. צוליב דער אַרטיסטישער ווירקונג פֿון דער פֿאָרשטעלונג האָבן זיי צײַטווײַליק פֿאַרגעסן וועגן פּאָליטיק און געפּאַטשט מיט די הענט."

דער נײַער יידישער טעאַטער פֿון ריגע איז געווען אַ שמעלצטאָפּ פֿון פֿאַרשיידענע אידעאָלאָגיעס. קינסטלער פֿון פֿאַרשיידענע טעריטאָריעס האָבן זיך געטראָפֿן דאָרטן, אַרומגערעדט פֿאַרשיידענע ענינים, און אויך קינסטלעריש סטימולירט איינער דעם צווייטן.
ניט געקוקט אויף אַלע נבֿואות אַז אַ קליינע קהילה ווי די ייִדישע קהילה פֿון ריגע וואָלט ניט געקענט אויפֿהאַלטן אַן אייגענעם טעאַטער, האָט דער טעאַטער עקזיסטירט פֿון זײַן דערעפֿענונג אין 1925 ביז די דײַטשע סאָלדאַטן האָבן אים פֿאַרמאַכט מיט גוואַלד אין 1941.

**Periodicals:**


באטאג, Riga: 1932-34

דאס פאלק, Riga: 1926-27

היינט, Riga: 1935-1940

יידישע בילדער, Riga: 1937-38

ליטעראַרישע בלעטער, Warsaw: 1927

נייער פרייטיק: Riga: 1930

פרייטיק,  Hrsg.: J. Apt. Riga: 1928

פרימארגן, Hrsg.: J. Z. W. Latzky-Bertholdi, Jacob Hellman. Riga: 1925-34

Сегодня, Hrsg.: Polack, Brahms. Riga

Europa Ost, Riga: 1933


**Illustration Credits:**

Archive of the Museum “Jews in Latvia”, Riga, Skolas iela 6.

Land Registry Office, Riga.

Latvijas valsts vestures arhivs (Public Records Latvia), Riga.

Photos© by Ute Luise Simeon

אַ גרויסן דאַנק רייזע טורנער, וואָס האָט איבערגעזעצט דעם טעקסט פֿון ענגליש אויף ייִדיש